# מיט א טיפערן בליק

## פרשת וירא תשפ"ו

## "דא אדער דארט"!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

אונזער פרשה הייבט זיך אָן מיט'ן באזוך וואס השי"ת האט געמאכט ביי אברהם אבינו נאכן מקיים זיין די מצוה פון ברית מילה. ווי מיר אלע ווייסן די מעשה, אברהם אבינו האט דעמאלטס געהאלטן אינעם דריטן טאג נאכן זיך מַל'ען און הקב"ה האט איהם נישט געוואלט מטריח זיין מיט געסט, אבער אברהם אבינו גיבט נישט אויף, ער זיצט ביים טיר פונעם געצעלט און וואַרט מיט השתוקקות צו קענען מקיים זיין מצות הכנסת אורחים ווי זיין שטייגער. פון הימל האט מען געשיקט דריי מלאכים זאלן זיך באווייזן ווי מענטשן, אברהם אבינו בעהט פונעם אייבישטער צו וואַרטן און נישט אוועקגיין ביז ער ענדיגט זיך אפגעבן מיט די דריי אחרים. פון דא לערנט מען טאקע ארויס ווי חז"ל זאגן אונז (שבת קכ"ז.) "גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה" די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער און חשוב'ער נאך מער ווי אויפנעמען די שכינה הקדושה.

דערנאך איז די תורה הקדושה מאריך אין אלע פרטים געני וויאזוי אברהם אבינו האט מקבל פנים געווען זיינע געסט און וואס ער האט אלס צוגעגרייט און דערלאנגט פאר זיי.

פון דארט זענען מיר ממשיך מיט'ן ענין ווי שרה האט געלאכט צו זיך הערנדיג די ווערטער פונעם מלאך אז זי גייט געהאלפן ווערן מיט א קינד. השי"ת האט געהאט טענות אויף איר זאגענדיג הֲיִפָּלֵא מֵה' דָבָר, צו דען איז עפעס אוממעגליך פאר השי"ת צו באווייזן?. דערנאך האבן מיר די פרשה פון סדום, השי"ת איז מגלה פאר אברהם אבינו זיין פלאן אז ער גייט איבערדרייען סדום, און אברהם אבינו שטעלט זיך מתפלל זיין און מעורר זיין רחמים אז דאס זאל נישט געשען.

ווען מען פארטיפט זיך אין אט די פסוקים, ווערט נתעורר עטליכע דיוקים. צום ערשט, וואס באדייט טאקע די באזוך פון השי"ת ביי אברהם אבינו דוקא יעצט נאך די מצוה פון מילה ווען השי"ת קומט איהם מבקר חולה זיין? אברהם אבינו איז דאָך בייגעשטאנען פיל גרעסערע און שווערערע נסיונות פון דעם, וואלט דאָך געפּאַסט אז השי"ת קומט איהם באזוכן און מחזק זיין דעמאלטס, פארוואס האט דוקא די נסיון פון מילה זוכה געווען צו די געטליכע התגלות. וואס איז די פנימיות דערפון?

נאך דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע איז "גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה"? מיט אונזער פשוט'ע שכל וואלטן מיר פארשטאנען אז 'קבלת פני השכינה' איז די גרעסטע דרגא וואס איז נאר פארהאן, מער פון דעם איז נישט שייך, אויב אזוי פארוואס דארף א איד איבערלאזן די שכינה און גיין זיך מטפל זיין מיט די געסט?

והעיקר, וואס באדייט די גאנצע אריכות און די אלע פסוקים וואס די תורה שרייבט דא מיט אלע פרטים ודקדוקים וויאזוי אברהם אבינו האט מקיים געווען הכנסת אורחים, ווי אויך די בשורה אז זיי גייען געהאלפן ווערן, און פונקטליך וואס שרה האט געטראכט און געזאגט, און די גאנצע 'שקלא וטריא' וואס אברהם האט מיט'ן אייבישטער לגבי ראטעווען סדום. פון די עצם צען נסיונות וואס אברהם אבינו איז אדורך און בייגעשטאנען מיט א שטארקייט, מאכט די תורה ווייט נישט אזא עֵסֶק ווי פון די אלע זאכן וואס מיר געפונען דא אנהייב פון אונזער פרשה. לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין אין די ענינים און זעהן בסייעתא דשמיא וואס מיר קענען אפלערנען פון דא אויף למעשה.

### ווען מען לעבט אלעס אויסער די אייגענע הווה

עס איז נישט קיין סוד אז מיר לעבן היינט אין א וועלט פון 'בלבול המוחין' אין וועלכע מענטשן זוכן צופרידנקייט און סיפוק אין אלע עקן וועלט און אויף אלע סארט מאדנע אופנים. אלעס ארום אונזווירבלט מיט פארשידענע עדווערטייזמענטס און שמועות, צו וועלכע מקומות און פארוויילונגען מען קען אלס פאָרן און זיין, וועלכע מעטאדן עס לוינט זיך טוֹעַם צו זיין כדי צו האבן א בעסערע לעבן, וועלכע קורסן מען דארף נעמען, וכהנה וכהנה. עס איז כמעט ווי די גאנצע בריאה שטייט און רופט דעם מענטש און פראבירט איהם צו שלעפן אהין און אהער. ליידער פעלט פאר די מענטשהייט די אינערליכע שלוה, רואיגקייט, צופרידנקייט, תמימות און פשטות. מען איז נאר פארנומען צו גיין פון איין זאך צום צווייטן, דער מענטש שפירט ווי ער 'מוז' אמאל אויספראבירן 'יענע' סארט נסיעה, און 'די' סארט וואקאציע. אויב ווען ער קומט אהיים און איז נאכנישט צופרידן, הייבט ער אָן צו חלומ'ען פון די נעקסטע זאך, מיט די האפענונג אז 'יענץ' וועט איהם באמת צופרידנשטעלן ווי עס דארף צו זיין.

די זעלבע איז בנוגע די הצלחות אין לעבן, בגשמיות וברוחניות, כסדר זעהט מען גרינערע גראז ערגעץ אנדערש, און מ'האלט זיך אין איין איינרעדן אז דערווייל איז מיר טאקע נישט געלונגען צוליב פארשידענע סיבות, אבער אויב כ'וועל נאר דערגרייכן די איין זאך דאן וועל איך באמת מצליח זיין, אויב כ'וועל זיך נאר אריינדרייען אין יענע געזעלשאפט, אדער יענע חבורה, דאס וועט מיר ברענגן מיין נויטיגע שלימות און הצלחה...

דאס אלעס איז נישט מער ווי מעשה יצר, דער יצר הרע זוכט אז דער מענטש זאל נישט טרעפן זיין צופרידנקייט 'דא און יעצט' אזוי ווי ער שטייט און גייט. **אויב א איד איז זוכה, געפונט ער סיפוק און שמחה אין זיין טאג טעגליכע לעבן, ער איז זוכה צו אנערקענען וויפיל מתנות פון הימל ער האט זוכה געווען צו באקומען, ווי געבענטשט ער איז אין זיינע יעצטיגע אומשטענדן.** ער וואלט געקענט ארומגיין רואיג און פרייליך, און הנאה האבן פון יעדע מינוט זיך שפירנדיג ווי א מיליאנער. ער וואלט געקענט טרעפן די גרעסטע מאָס סיפוק אין דאס וואס ער טוט, שעצן יעדע דאווענען, יעדע שעה פון לערנען, זיינע מצוות און מעשים טובים, יעדע ברעקל נחת פון די קינדער און די משפחה, און אזוי ווייטער. אבער אנשטאט דעם פארבלענדט איהם דער יצר הרע די אויגן צו זוכן אנדערע זאכן, טראכטן פון וואס 'יעדער' טוט און וואס 'יעדער' איז מצליח אויסער ער, און וועלן די גאנצע צייט לעבן אין א אנדערע מצב און מציאות פון וואס ער איז באמת.

די גרעסטע ראיה אז דער מענטש לעבט און טראכט נישט ריכטיג, איז ווען ער באמערקט אז עס ענדיגט זיך קיינמאל נישט. היינט וויל ער זיין דא און מארגן וויל ער זיין דארט, זיין דארשט שטילט זיך קיינמאל נישט אפ, און אלעמאל האט ער א פרישע סיבה צו טייטלען מיט די פינגער אז אויב וואלט ער נאר געהאט נאך איין זאך דעמאלטס וואלט גוט געווען... דאס אליינס דארף אנצינדן א רויטע לעמפל ביים מענטש אין קאפ און זאגן, גענוג, הער אויף צו לויפן, ווייל דו שטעלסט זיך נישט אפ! דיין צופרידנקייט און הצלחה קען זיין שוין דא און יעצט און ס'איז נישט אנגעהאנגען אין גארנישט.

**לוט הייבט אויף זיינע אויגן און קוקט וויט**

מיר האבן שוין אביסל אנגערירט די נקודה אין פרשת לך לך וואו די תורה דערציילט אונז איבער לוט ווען ער טיילט זיך אפ פון אברהם אבינו. די פסוק זאגט "וַיִּשָּׂא לוֹט אֶת עֵינָיו" לוט הייבט אויף זיינע אויגן, ער זוכט צופרידנקייט, וואו קען מען מאכן א לעבן, וואו קען מען באמת הנאה האבן, וַיַּרְא אֶת כָּל כִּכַּר הַיַּרְדֵּן כִּי כֻלָּהּ מַשְׁקֶה וגו' כְּגַן ה' כְּאֶרֶץ מִצְרַיִם, ער טרעפט א גוטע פלאץ, דארט איז גאר גוט, עס האט אלע מעלות, וַיֶּאֱהַל עַד סְדֹם, ער שטעלט אויף זיינע געצעלטן ביז סדום.

ווי מיר האבן דערמאנט, טראצדעם וואס ער האט שוין דארט געוואוינט א שטיק צייט און זיך זיכער איבערצייגט פון די נאנט אז דאס פלאץ איז נישט קיין טובה פאר איהם, די אנשי סדום זענען סְדֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַה' מְאֹד, זיי זענען רשעים און האבן א נישט-גוטע השפעה אויף איהם, דאָך ווען ער איז געפאנגען געווארן אין מלחמה און געווארן אויסגעלייזט דורך זיין פעטער אברהם, הייבט ער זיך אויף און גייט צוריק קיין סדום... ווייל לוט לעבט אין אט דעם דמיון אז מארגן וועט זיין בעסער, ער וועט פראבירן נאכאמאל, ער דארף נאר טוישן דאס און יענץ, ער חלומ'ט כסדר אז אויב וואלט ער נאר געהאט נאך איין זאך דאן וועט זיך אלעס טוישן און זיין בעסער... [לאמיר נישט פארגעסן אז די אנשי סדום זעלבסט האבן זיכער געהאט פארשידענע שיטות און מיינונגען, זיי האבן נישט ארויסגעוויזן זייער שלעכטס לשם שלעכטס, אלעס איז געווען פארשלייערט אין נאמען פון גערעכטיגקייט און געזעץ, און לוט גייט מיט דערמיט, ער טראכט אז ס'איז נישט געפערליך, ער דארף נאר טוהן אביסל אנדערש, די פּאָר קלייניגקייטן וואס ער וועט נאר טוישן און דעמאלטס וועט שוין אלעס זיין גוט].

א דבר צחות קען מען זאגן, מיר ווייסן ווען סדום איז געווארן איבערגעקערט דורך די מלאכים, האט לוט'ס ווייב עובר געווען אויפן באפעל פונעם מלאך נישט צוריק צו קוקן, זי האט יא צוריק געקוקט קיין סדום, וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח, זי איז געווארן א שטיק זאלץ. בדרך רמז איז דאס מרמז אויף די לעבנסשטייגער פון אזעלכע סארט מענטשן וואס זענען פארנומען נאכצולויפן און זוכן אלע געלעגנהייטן, ווען זיי זענען אויף איין פלאץ קוקן זיין כסדר ארויס צו ערגעץ אנדערש, זיי מיינען אז זייער הצלחה געפונט זיך דארט, און ווען זיי גייען שוין ענדליך ווייטער דאן קוקן זיי צוריק, פלוצלינג שפירן זיי די הצלחה געפונט זיך דארט וואו זיי זענען געווען. ווי פריער דערמאנט אז ווען מען לעבט אזוי איז מען קיינמאל נישט צופרידן, מען וויל שטענדיג זיך געפונען ערגעץ אנדערש פון וואו מען איז יעצט, אַבִּי נישט דא! און דאס איז טאקע א לעבן פון נְצִיב מֶלַח, ביטער און געזאלצן.

**וואס מתיקות התורה קען אלס געבן פארן מענטש**

מענין לענין באותו ענין. **דער טעלזער ראש ישיבה אין אמעריקא - הגאון הגדול רבי מרדכי גיפטער זצ"ל**, האט ביי א געלעגנהייט דערציילט א געוואלדיגע זאך וואס האט געמאכט אויף איהם א רושם אין זיינע יונגע יארן און איהם מקרב געווען צו די תורה. א מעשה וואס איז כדאי נאכצוזאגן און זיך איינ'חַזר'ען.

די עלטערן פון רבי מרדכי זענען געווען איינפאכע אמעריקאנע אידן, זיי האבן געוואוינט אין די שטאט ווירדזשיניע און דערנאך אין באלטימאר וואו זיי האבן געעפנט א גראסערי פאר פרנסה. זייער שאיפה איז געווען אזויווי רוב אידן פון יענע צייטן אז זייער זוהן מרדכי'לע זאל גייען שטודירן אין קאלעדזש און אויסוואקסן א דאקטער אדער א לויער.

איין טאג איז **דער פאנאוויזשער רב זצ"ל** אנגעקומען קיין באלטימאר כדי צו שאפן געלט פאר זיין ישיבה אין ליטא, און צווישן אנדערע האט ער געהאלטן א פייערדיגע דרשה און ערוועקט די דארטיגע אידן בנוגע די חשיבות פון לימוד התורה. דער יונגער מרדכי'לע גיפטער וואס איז געווען צווישן די צוהערער ביים דרשה איז געווארן שטארק נתלהב און אנגעווארימט דורך די ווערטער, און ער האט באשלאסן אז ווען די צייט וועט קומען, וועט ער קודם פאָרן צו א 'עכטע' ישיבה לערנען תורה פאר איין יאר, און ערשט דערנאך וועט ער גיין שטודירן אזויווי זיינע עלטערן ווילן.

אזוי איז טאקע געווען, ווען ער איז געווארן א בחור אין די יארן, האט ער געפאקט פעק און געפארן צום עיר ואם בישראל טעלז וואו עס האט זיך געפונען די גרויסע טעלזער ישיבה פארן קריג. אנקומענדיג צווישן די ווענט פון א ישיבה צום ערשטן מאל, האט איהם אנגעכאפט א מורא'דיגע שרעק און פארלוירנקייט, ער האט זיך דערזעהן שטיין אין א היכל הבית מדרש וואו עס זענען געזעצן ארום פיר הונדערט בחורים און אלע האבן געהארעוועט מיט התמדה און א קול תורה. ער האט געשפירט אזוי איינזאם און עלנד, אן אמעריקאנער יונגל וואס איז אויפגעוואקסן אין א גאנץ אנדערע קולטור, ממש ווי פון אן אנדערע פלאנעט, און דא דארף ער זיך איינגלידערן צווישן די לומדי תורה מתוך הדחק.

די ערשטע מחשבה וואס איז איהם דעמאלטס אדורכגעלאפן אין קאפ איז געווען, אז ער דארף זיך אויסזוכן עפעס א בחור דא וואס וועט פארשטיין זיינע נסיונות און שוועריגקייטן, א בחור וואס קומט פון א רייכע שטוב וכדומה, וועלכער פארשטייט אביסל צו תענוגי עולם הזה, יענער וועט איהם ווארשיינליך קענען העלפן געבן עצות און חיזוק וויאזוי זיך צו שטארקן און ווערן א חלק פון די ישיבה לעבן. אומר ועושה, ער הייבט אָן מיט זיינע אויגן אדורכצובליקן די פנימ'ער פון די בחורים כדי צו טרעפן דער וועמען זיין הארץ באגערט. זיינע אויגן זענען געפאלן אויף א געוויסער בחור וואס איז געזעצן און געלערנט געשמאק אין א ווינקל, זיין פנים איז געווען ספעציעל לעבעדיג און פריילעך, ער האט אויסגעקוקט צו זיין פון די 'מְדֻשְּׁנֵי עֹנֶג' איינער וואס פארשטייט צו וועלטליכע זאכן אויך. "ער וועט מיר געוויס קענען זיין

דער ריכטיגער חבר און מורה דרך דא אין ישיבה" האט מרדכי געטראכט צו זיך, "איך וועל שפעטער זוכן אנצוקניפן מיט איהם א פריינטשאפט און ער וועט מיר קענען העלפן".

ווי נאר ער ענדיגט שפינען זיינע פלענער פאר די צוקונפט, קומט פלוצלינג צו א בחור צו מרדכי, יענער איז געווען אן אמעריקאנער בחור אויך פון באלטימאר וואס איז געפארן לערנען אין טעלז, און האט זיך געפריידט צו באגעגענען א לאנדסמאן. דער אמעריקאנער בחור האט איהם אויפגענומען בסבר פנים יפות און געפרעגט פארשידענע שאלות וואס טוט זיך אין זייער היימשטאט, און אזוי ווייטער. צום סוף האט איהם מרדכי געפרעגט, ווייזענדיג אויף דער בחור וואס ער האט פריער באטראכט, "זאג נאר, יענער בחור וואס זיצט דארט אין ווינקל ווער איז ער? ער איז א גביר'יש קינד?" נאך אלס אנהאלטענדיג זיין פלאן צו שעפן חיזוק פון איינער וואס וועט איהם גוט פארשטיין. אנשטאט צו ענטפערן אויף די פראגע, האט דער אמעריקאנער בחור אויסגעפלאצט אין געלעכטער... ער? א גביר'יש קינד? וויסן זאלסטו אז ער קומט פון דא, זיינע עלטערן וואוינען אין שטאט טעלז, רוב איינוואוינער אין שטאט זענען ארימעלייט, אבער זיי זענען א חידוש אפילו דא, זיי זענען נאך אָרימער ווי אָרים, זיי פארמאגן נישט קיין פרוטה צו די נשמה!!!

מרדכי האט נישט געקענט גלייבן וואס ער הערט, און תיכף צוריקגעפרעגט, "עס קען דאָך נישט זיין, ער האט אזא פרייליכע פנים, ער זעהט אויס ווי איינער וואס איז אנגעזעטיגט און צופרידן?". דער אמעריקאנער בחור האט איהם געענטפערט מיט צוויי ווערטער, **"מרדכי'לע דאס איז מתיקות התורה!" דער בחור שפירט א טעם אין לערנען, ער לעבט אין תורה מיט אזא געשמאק, און דאס גיבט איהם זיין לעבעדיגע צורה ווי איינעם וואס פעלט נישט גארנישט.**

רבי מרדכי האט שפעטער דערציילט, אז דאס האט אנגעצינדן א הייליגע פייער אין זיין הארץ, אין יענע מינוטן האט ער באקומען אזא חשקת התורה וואס האט זיך מער קיינמאל נישט פארלאשן, ער האט אויך געוואלט זוכה זיין צו שפירן אזא מתיקות אין תורה וואס קען געבן פארן מענטש אזא צופרידנקייט און שלימות. דעמאלטס האט ער באשלאסן אז זיין פלאץ איז אין ישיבה, און ער איז פארבליבן א בן תורה, ביז ער איז אויסגעשטיגן אין די צוקונפט אלס טעלזער ראש ישיבה אין אמעריקא.

**שבכל יום ויום הוא הטיב הוא מטיב הוא ייטיב לנו**

לאמיר צוליגן דערצו א 'מער היינטיגע' מעשה, אביסל קלארער ארויסצוברענגען די נקודה. נישט לאנג צוריק האט מיר דערציילט א יונגערמאן וואס האט געהאט פארשידענע פראבלעמען, ער איז אדורכגעגאנגען א שווערע תקופה בגוף ובנפש פיל מיט צומישעניש און ספיקות, ער האט געשפירט ווי דאס גאנצע לעבן גייט איהם 'מיט'ן פיטום אראפ' ווי מען רופט עס, זיין שלום בית איז שוין געווען שוואך, ער האט געלעכצט פאר אביסל סיפוק און צופרידנקייט. ער האט שוין געזוכט הילף אין די ווייטסטע פלעצער, אבער ער האט נישט געקענט ארויסקריכן פון זיין מצב און נישט געקענט מאכן סדר אין זיין לעבן. אמאל איז ער געווען אין ארץ ישראל, האט ער זיך איינגעלאדענט אויף א סעודת שבת אין שטוב פון א געוויסער אדם גדול מיט וועמען ער האט אביסל שייכות, קלערנדיג אז נאך די סעודה וועט זיין א פאסיגע געלעגנהייט זיך אריינצולאזן אין לענגערע שמועס מיט אט דעם דערהויבענעם איד, און דערביי וועט ער קענען אויסשמועסן זיינע ענינים און זוכן קלארקייט אין לעבן.

דורכאויס די גאנצע סעודה בין איך געזעצן היבש נערוועז און אנגעצויגן, דערציילט דער מספר, איך האב פראבירט צו מאכן אביסל סדר אין מיינע מחשבות, וואס יא צו זאגן און וואס נישט. מען האט שוין געהאלטן ביים סוף סעודה, און דער צדיק רפט זיך אָן **"קודם לאמיר האבן א שמועס מיט'ן הייליגן באשעפער, מיר גייען בענטשן"...** עס איז טאקע געקומען א ברכת המזון אזאנס און אזעלעכס, יעדעס ווארט האט ער געזאגט מיט א דביקות און געלאַסנקייט, ער האט גערעדט צום רבונו של עולם פון טיפן הארץ "נוֹדֶה לְּךָ ה' אֱלֹקֵינוּ.. וְעַל חַיִּים חֵן וָחֶסֶד שֶׁחוֹנַנְתָּנוּ וְעַל אֲכִילַת מָזוֹן שָׁאַתָּה זָן וּמְפַרְנֵס אוֹתָנוּ תָּמִיד"... און ער איז מדגיש מיט אזא מתינות "בְּכָל יוֹם, וּבְכָל עֵת, וּבְכָל שָׁעָה" מען האט געקענט טאַפּן אין די לופטן די טובות און חסדים וואס השי"ת איז משפיע אויף אונז יעדן טאג און יעדע צייט.

ער בעהט זיך ווייטער מיט פארמאכטע אויגן אויף ארויף ווי א קינד וואס איז זיך מתחנן ביי זיין טאטן, "וְהַרְוַח לָנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ מְהֵרָה מִכָּל צָרוֹתֵינוּ... שֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ וְלֹא נִכָּלֵם לְעוֹלָם וָעֶד". דערנאך איז ער ממשיך מיט געגועים אויסצורעכענען מיט אזא נעימות די חסדים וואס דער אייבישטער טוט מיט איהם כסדר, יעדע שעה אין טאג, "הַמֶּלֶךְ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב לַכֹּל... שֶׁבְּכָל יוֹם וָיוֹם הוּא הֵטִיב... הוּא מֵטִיב... הוּא יֵיטִיב לָנוּ"... און זאגט א הייסע תפלה "הָרַחֲמָן הוּא יְבָרֵךְ אוֹתִי, וְאִשְׁתִּי, וְזַרְעִי, וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לִי, אוֹתָנוּ וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לָנוּ" ארויסזאגענדיג יעדעס ווארט ווי איינער וואס ציילט געלט.

ער זאגט מיר אז ביים סוף בענטשן האט ער שוין געשפירט ווי א ניי-געבוירענעם מענטש, זיינע פראבלעמען האבן זיך כמעט ווי 'צוזאמגעלייגט' נאכן הערן אזא הייליגע בענטשן. ער האט אנגעהויבן צו דערהערן אז דער אבינו אב הרחמן גיבט איהם אזויפיל גוטס אין לעבן, דער מֶלֶךְ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב לַכֹּל טוט גוטס פאר יעדע איינציגסטער מענטש, יעדן איינציגסטן טאג, שֶׁבְּכָל יוֹם וָיוֹם הוּא הֵטִיב הוּא מֵטִיב הוּא יֵיטִיב לָנוּ, אינעם עבר, אינעם הווה, און אינעם עתיד, כסדר האלט דער רבוש"ע אין איין משפיע זיין אויף אונז גוטע מתנות. ב"ה אז איך פארמאג א שטוב, א ווייב, מיט קינדער, איך האב אזויפיל זאכן אויף וואס צו זיין דאקנבאר. ווי אויך האט ער צום ערשטן מאל אנגעהויבן באגרייפן אז מ'קען האבן א טעם און א זיסקייט אין קרבת אלקים, מ'קען רעדן צום אייבישטער, איהם דאנקן און לויבן, און בעטן אויף די שווערינקייטן וְהַרְוַח לָנוּ מִכָּל צָרוֹתֵינוּ.

זיצענדיג אין א קליינע ארץ-ישראל'דיגע דירה וואס אויסער אפאר שאפעס אנגעפילט מיט ספרים איז נישט דא דארט קיין גרויס פארמעגן, האט ער געשפירט א טעם וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געשפירט אין לעבן. אזא דערהויבנקייט, אזא סיפוק, אזא נעימות. ווייזט אויס אז מ'דארף נישט לויפן אין ערגעץ, און מ'דארף נישט האבן ווער ווייסט וואס כדי צו האבן א טעם אין לעבן!

### די כוח פון בריתו של אברהם אבינו

דערמיט קומען מיר צוריק צו די פסוקים אין אונזער פרשה. אברהם אבינו האט מיטגעמאכט גרויסע און ריזיגע נסיונות, וואס ווען מיר לערנען דערוועגן קענען מיר קלערן צו זיך "וואס האט דאס א שייכות צו מיר? איך בין דאָך אזא קליינע מענטש און אזוי ווייט דערפון". עס איז אבער פארהאן איין נסיון וואס אברהם אבינו איז בייגעשטאנען אויף זיינע עלטערע יארן, און מיר אלע זענען זוכה דערצו פון קינדווייז אָן, דאס איז די מצוה פון ברית מילה. ביי די מצוה פון מילה שטייט אין פרשת לך לך דער השי"ת זאגט צו אברהם (י"ז א') "הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי וֶהְיֵה תָמִים" די מצוה פון מילה ברענגט א געוויסע שלימות און גאנצקייט אויפן מענטש.

דער **שפת אמת** (תרל"ג) שרייבט "כי בהסיר החיצוניות ערלה דחפיא ברית נתגלה הפנימיות שיש בכל מקום", דאס איז די רוחניות'דיגע כוח פון מצות מילה, ווען א איד נעמט אראפ פון זיך די ערלה און קליפה וואס באַדעקן איהם, ווערט נתגלה די פנימיות און קדושה וואס געפונט זיך 'בבל מקום' אין יעדן איד אין יעדן מצב און יעדן זמן. מצות מילה ברענגט ארויס די אינערליכע קדושה און לעבטיגקייט וואס יעדער איד האט סיווי אין זיך.

אט דאס איז "בריתו של אברהם אבינו" ממש דאס פארקערטע פון לוט. אברהם אבינו לערנט אונז דעם וועג וויאזוי מען געפונט שלימות און צופרידנקייט אין יעדע מצב אזויוי עס שטייט און גייט. ביי אברהם אבינו שטייט די זעלבע לשון (י"ח ב') "וַיִּשָּׂא עֵינָיו" אברהם אבינו הייבט אויך אויף זיינע אויגן, אבער אנשטאט צו זוכן די הצלחה און סיפוק אין די מרחקים אזויווי לוט, טרעפט עס אברהם אבינו גאר נאנט צו זיך, "וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו", ער זעהט די שיינקייט און די געלעגנהייט וואס געפונט זיך אין אונזער טאג טעגליכע עבודה. וויפיל גוטס קען א איד אויפטוהן 'דא און יעצט' אויפן פלאץ. מען דארף נישט זוכן קיין גרויסע זאכן און גאלדענע גליקן אין אנדערע עקן וועלט, פאר אברהם אבינו איז געווען דאס (ביסל) הכנסת אורחים, צדקה, חסד, וואס ער קען טוהן דא אויפן פלאץ. אברהם אבינו איז זוכה צו די מדריגה פון "הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי וֶהְיֵה תָמִים", ער האט אין זיך א שלימות און א תמימות, צו האבן די קדושה אין יעדע מצב. [אפילו דארט ווי עס זעהט אויס אז ס'איז א הייסע טאג און קיינער וועט שוין נישט קומען, די היינטיגע טאג זעהט שוין אויס פארפאלן, כ'וועל שוין קיין סאך נישט אויפטוהן היינט, אפילו דארט איז אברהם אבינו זוכה צו טרעפן און מקיים זיין דעם רצון השי"ת].

### גיין אין די פיסטריט פון אברהם אבינו

דער אייבישטער וויל ארויסברענגען די חשיבות פון אברהם אבינו'ס עבודה, אַן עבודה וואס איז נוגע פאר יעדער איד במשך כל הדורות וכל הזמנים, צו זוכן שטענדיג 'דאס יעצטיגע' וואס קען איך טוהן **היינט** פארן אייבישטער? וויאזוי קען איך אנפילן מיין טאג מיט מאקסימום הצלחה מיט דאס וואס איך פארמאג? [נישט מיט וואס 'יעדער' האט אדער 'יעדער' טוט און איז נישט געאייגענט פאר מיר]. דעריבער קומט השי"ת און באווייזט זיך צו אברהם אבינו דוקא יעצט, נאך די מצוה פון מילה, ווען עס ווערט נתגלה די כוח פון מְגַלֶּה זיין די קדושה און פנימיות "שיש בכל מקום", דאס קומט דער אייבישטער שעצן און מחזק זיין, און אונז לערנען אז מיר קענען אלע נאכגיין אין די פיסטריט פון אונזער גרויסע זיידע אברהם. מיר אלע האבן אין זיך די רוחניות'דיגע כוח און סגולה פון מצות מילה, און מיר קענען זוכה זיין דורכדעם צו געפונען אונזער תמימות און שלימות בכל עת ובכל שעה, אָן דארפן אויפהייבן די אויגן ווייט אזויווי לוט.

דאס קען אויך זיין די באדייט פארוואס די תורה הקדושה איז מאריך צו דערציילן איבער די השתלשלות און פרטים וואס זענען זיך פארלאפן אין אברהם אבינו'ס לעבן, און נישט די גרויסע נסיונות און שוועריגקייטן וואס ער איז אדורכגעגאנגען. דער ענין איז, ווייל טאקע די קליינגקייטן זענען אונז די מערסטע מחייב! דאס איז א וועגווייזער פאר אונז לדורות עולם נאכצוגיין אין די וועגן פון אברהם אבינו. די תורה הקדושה וויל אונז לערנען צו שעצן די טעגליכע חסדים וואס מיר קענען טוהן, מחנך זיין די קינדער, די אמונה און בטחון וואס מיר דארפן האבן (למה זה צחקה שרה), די עבודת התפלה וואס מיר דארפן מתפלל זיין על כל צרה שלא תבוא, און אזוי ווייטער. אט די קליינע טאג טעגליכע דיימאנטן וואס וואַלגערן זיך אין אונזער לעבן, דאס דארפן מיר אפלערנען און מקיים זיין. אין די זאכן דארפן מיר טרעפן אונזער הצלחה און שלימות.

טאקע דערפאר איז "גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה", ווייל קבלת פני השכינה איז א איינמאליגע גרויסע מדריגה צו וואס מען קען זעלטן זוכה זיין, עס מאכט זיך נישט יעדן טאג. לערנען אונז חכמינו ז"ל אז פיל גרעסער און וויכטיגער פון דעם זענען די טאג טעגליכע מצוות און מעשים טובים, ווען א איד איז מקיים דעם 'הַדְבֵּק במידותיו של הקב"ה' און גייט אין די וועגן פון השי"ת דורך טוהן גוטע פעולות, איז דאס נאך מער פון די עצם קבלת פני השכינה. דאס איז די גרעסטע תכלית און שלימות צו וואס א איד קען זוכה זיין, ווען ער גייט אין די וועגן פונעם אייבישטער, ער פארשפרייט גוטס און לעבטיגקייט אין זיין אייגענעם מצב און מדריגה וואו ער געפונט זיך יעצט, און זוכט נישט דווקא די גרויסע און ווייטע זאכן. אונזער עבודה איז צו געפונען די קדושה און פנימיות "שיש בכל מקום"...

לסיכום געדענק:

- דער יצר הרע וויל אז מיר זאלן שטענדיג זוכן עפעס בעסער און גרעסער. דער מענטש איז קיינמאל נישט צופרידן, ער וויל שטענדיג זיך געפונען ערגעץ אנדערש פון וואו ער איז יעצט.
- אויב א איד איז זוכה, אנערקענט ער די גוטסקייט וואס ער האט כסדר 'דא און יעצט' און מ'דארף נישט גיין אין ערגעץ דערצו. מען קען מצליח זיין און האבן סיפוק אויפן פלאץ.
- מיר האבן אין זיך די כוח פון אברהם אבינו און די מעגליכקייט ארויסצוברענגען און געפונען די קדושה און פנימיות "שיש בכל מקום!".

## א לעבטיגע שבת קודש!

לע"נ הר"ר **משה שמעון הלוי** ז"ל
בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' **שרגא פייביל** שליט"א

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com